וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ

גליון על הַמָּזוֹן

מטרתו לעורר את גודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה

גליון קי"ג
ניסן
תשפ"ה

כך מקובל אני מרבותי ישמרם א-ל **שכל הזהיר בברכת המזון מזונותיו מצויין לו בכבוד כל ימיו**

(ספר החינוך מצוה ת"ל)

כותב העטרת זקנים אדם המברך ברכת המזון **מתוך הכתב בדקדוק ובכוונה** מסלק מעצמו צרות רבות ואסונות ל"ע.

"מצאתי למה אין אות פ"א סופית (**ף**) בברכת המזון לפי שכל מי שבירך ברכת המזון בכוונה, אין שולט בו לא חרון א**ף** ולא שצ**ף** ולא קצ**ף**, ולא אנ**ף** ולא אג**ף** ומזונותיו מצויין לו ברווח ובכבוד על ימיו".

("באר היטב" או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ה אות א' - ספר הרוקח סימן של"ז)

# בענטשן איז פאר מיך פונקט גענוג!

**לכבוד די חשוב'ע ארויסגעבער פון דעם גליון על המזון,**

צום ערשט וויל איך איך באדאנקען פון טיעפן הארץ פאר די הערליכע אינהאלטסרייכע גליונות מלאים וגדושים מיט אינהאלסטרייכע מאמרים און ערציילונגען איבער דעם גרויסן מצוה פון ברכת המזון, איך האב לעצטענס געהערט א הערליכער שיינער געדאנק פון דעם פה מפיק מרגליות הגאון רבי דניאל אלתר שליט"א וואס ער האט געזאגט לגבי דער ענין פון שמירת עניים (אין די ראמען פון דעם "גיבור" פראגראם) און איך האב געטראכט אז דער רעיון איז גאר גוט צוגעפאסט אויך צום ענין פון ברכת המזון.

רבי דניאל האט זיך געשטעלט אויף דאס וואס מ'זאגט יעדן שבת ויום טוב ביי די דערהויבענע תפילה פון "נשמת כל חי", קודם זאגט מען "ואילו פינו מלא שירה כים וכו' אין אנחנו מספיקים להודות", אז אפילו מיר האבן אלע מעגליכקייטן איז פשוט אוממעגליך צו דאנקען דעם אייבערשטן, און נאך דעם זאגט מען "על כן אברים שפלגת בנו וכו' הן הם יודו ויברכו", אז אלע אונזערע גלידער טוען דאנקען דעם הייליגן באשפער.

איז דאך לכאורה א סתירה, קודם זאגסטו אז ס'איז אוממעגליך צו דאנקען דעם אייבערשטן, און א מינוט שפעטער זאגט מען אז מ'טוט דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער.... קען מען יא אדער קען מען נישט?

נאר וואס דען, מ'קען דאס פארשטיין מיט א ווערטל. אמאל האבן זיך מענטשן דערקוויקט מיט א פיינעם סעודה אין א חתונה זאל, און איינער איז צוגעגאנגען צום סארווירער און זיך העפליך באדאנקט פאר זיין גוטע סערוויס, האט זיך דער סארווירער אנגערופן "דיין דאנק איז שוין צופיל, א צען דאלער טיפ איז פונקט גענוג"...

האט רבי דניאל מסביר געווען, אז ווען עס קומט צו דאנקען דעם אייבערשטן, איז ממש אוממעגליך, "אין אנחנו מספיקים להודות לך", אבער דער באשעפער זאגט, אויב ווילסטו מיך מיט עפעס אפגעבן א יישר כח, גיב אוועק פון דיינע איברים, איבערהויפט דיינע הייליגע "אויגן" פאר מיינעטוועגן, היט עס אפ, דאס איז פאר מיר פונקט גענוג, איך דארף נישט מער...

❊

אריינטראכטנדיג אין דעם געדאנק קלער איך, אז אויף דעם ענין פון "ברכת המזון" שטימט דער רעיון אויך מורא'דיג גוט. דער גאנצער ענין פון ברכת המזון איז דאך געשטעלט אויף צו דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער פאר אלע גוטע זאכן וואס ער גיבט אונז, אבער צי איז דען מעגליך טאקע צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר אלע גוטע זאכן? נאר דער באשעפער זאגט, דו קענסט מיך אפשר נישט דאנקען, אבער גיב כאטש אוועק די פאר מינוט, וואש זיך צו א סעודה, און נעם די פינף מינוט צייט וואס עס דויערט צו בענטשן מילה במילה אין א סידור, דאס איז פאר מיר דער גרעסטער דאנק וואס דו קענסט מיר געבן!

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אלעמאל קענען זוכה זיין צו לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים וואס ער טוט מיט אונז.

בברכת הצלחה

למי שיש סיפורים, עובדות, מאמרים ודברי תורה בגודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה
או להערות והארות אפשר לפנות למייל: AlHamuzoin@gmail.com

**נתנדב לעילוי נשמת כ"ק מרנא ורבנא**
הרבי ר' ברוך ב"ר יחיאל מיכל זי"ע ממעזבוש - הרבי ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף זי"ע מרימנוב - הרבי רבי אלימלך ב"ר אלעזר ליפמאן זי"ע מליזענסק
רבי לוי יצחק בן שרה סאשא זי"ע מבארדישטוב - רבי ישראל דוב בער ב"ר יוסף זי"ע מוועלעדניק - רבי ישכר בער בן ר' יצחק זי"ע מראדאשיץ
רבי נחמן בן שמחה בן פייגא זי"ע מברסלב - רבי ישראל מאיר בן ר' אריה זאב זי"ע בעל ה'חפץ חיים" - רבי משולם פייש בן רבי מרדכי בן צירל זי"ע מטאהש
הרבי ר' ישעי' ב"ר משה זי"ע מקערעסטיר - רבי שלום ב"ר מרדכי יוסף משה זי"ע משאץ - רבי אליעזר שלמה ב"ר מנחם זאב זצ"ל
רבי יעקב חיים ישראל רפאל בן רבי יצחק ושרה אלפייה זצ"ל